**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/13/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אויסברייטערונג פון לאנד'ס-פירנדע פולשטענדיג באצאלטע פרישע-עלטערן אורלויב פראגראם, אפעקטירנדיג מער פון 150,000 ניו יארק סטעיט ארבייטער**

***אפמאך מיט CSEA וועט צושטעלן 12 וואכן פון פולשטענדיג באצאלטע פרישע-עלטערן אורלויב פאר מער פון 52,000 ארבייטער***

***אויב זיי ווערן באשטעטיגט ווערן אפמאכן מיט PEF און UUP אפפערן 12 וואכן פון פולשטענדיג באצאלטע פרישע-עלטערן אורלויב פאר מער פון 88,000 ארבייטער***

***בויט ארויף אויף פאליסי וואס איז פארברייטערט געווארן צו מער פון 10,000 סטעיט רעגירונג ארבייטער פון גרופעס פון וועלכע עס זענען דא ווייניג ארבייטער פריער היי יאר***

***ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט וועט אויך ארויסקומען מיט סטעיט-ברייטע פרישע-טאטעס אורלויב באקאנטשאפט קאמפיין***

***זעהט ביישפיל פון לעיבאר דעפארטמענט באקאנטשאפט קאמפיין ווידעאו [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די אויסברייטערונג פון ניו יארק'ס לאנד'ס-פירנדע אינציאטיוו צו אפפערן 12 וואכן פון פולשטענדיג באצאלטע פרישע-עלטערן אורלויב בענעפיטן פאר מער פון 80 פראצענט פון די סטעיט רעגירונג ארבעטסקראפט, זייענדיג מקיים איר צוזאג פון די 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע. אלץ טייל פון די גאווערנער'ס אנגייענדע שטיצע פאר ניו יארקע ארבייטער און זייערע פאמיליעס, מיינט די היסטארישע מהפכה אז די מערהייט פון די סטעיט רעגירונג ארבייטער וועלן האבן צוטריט צו די קריטישע בענעפיט צום ערשטן מאל אין די סטעיט'ס היסטאריע.

"עס קומט זיך קיינעם נישט צו דארפן מאכן די אויסוואהל צווישן א געהאלט און זיך אפגעבן מיט זייער ניי-געבוירענעם קינד," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אין מיין 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע האב איך פארגעשטעלט א לאנד'ס-פירנדע פארשלאג צו אפפערן פולשטענדיג באצאלטע פרישע-עלטערן אורלויב בענעפיטן פאר ניו יארק סטעיט רעגירונג ארבייטער — און היינט זענען מיר מקיים די צוזאג. דורכן אויסברייטערן פולשטענדיג באצאלטע פרישע-עלטערן אורלויב צו איבער 80 פראצענט פון סטעיט רעגירונג ארבייטער, שטעלט ניו יארק אוועק א מוסטער פאר אנדערע און זי שטרעקט אויס א קריטישע רעטונג שטריק פאר שווער-ארבעטנדע פאמיליעס."

די גאווערנער האט היינט אנאנסירט אן אפמאך מיט דריי גרויסע סטעיט יוניאנס צו אויסברייטערן פולשטענדיג באצאלטע פרישע-עלטערן אורלויב. די גאווערנער האט אנאנסירט אן אונטערגעשריבענע אפמאך מיט די 'ציווילע סערוויס ארבייטער פארבאנד' (Civil Service Employees Association, CSEA) – די יוניאן וואס פארטרעט ניו יארק סטעיט רעגירונג ארבייטער אין פארשידענע פאסטנס – צו

אויסברייטערן באצאלטע פרישע-עלטערן אורלויב פאר מער פון 52,000 ארבייטער. די גאווערנער האט אויך אנאנסירט אז עס נאך קאנטראקט אפמאכן זענען אין די פראצעדורן מיט די פובליק ארבייטער פעדעראציע (Public Employees Federation, PEF) – די יוניאן וואס פארטרעט רעגירונג ארבייטער וועלכע האבן פראפעסיאנאלע, וויסנשאפטליכע און טעכנישע טיטלען – און מיט די פאראייניגטע אוניווערסיטעט פראפעסיע (United University Professions, UUP) – די יוניאן וואס פארטרעט ארבייטער אין העכערע בילדונג – וואס רעכענען אריין דאס גיבן פולשטענדיג באצאלטע פרישע-עלטערן אורלויב בענעפיטן פאר זייערע מיטגלידער. אויב די אפמאכן ווערן באשטעטיגט וועלן ארבייטער זיין בארעכטיגט צו באקומען 12 וואכן פון פולשטענדיג באצאלטע אורלויב צו נוצן צו קענען אויפבויען זייער קשר מיט א ניי-געבוירענעם אדער אדאפטירטן קינד.

כאטש די גוט-דאקומענטירע פאזיטיווע בענעפיטן פון באצאלטע עלטערן אורלויב פאר מוטערליכע און אינפענט געזונט, ווי אויך פאמיליע עקאנאמישע זיכערהייט און ארבעטער אנהאלטונג, איז די פאראייניגטע שטאטן די איינציגסטע אנטוויקלטע מדינה אין די וועלט אן א נאציאנאלע באצאלטע עלטערן אורלויב פאליסי. נייע עלטערן און קעירגעבערס זענען אנגעוואנדן אין פארשידענע פעדעראלע, סטעיט, און לאקאלע אורלויב פאליסיס, אין צוגאב צו סיי וועלכע ארבעטסגעבער-באצאלטע בענעפיטן.

גאווערנער האקול האט צום ערשט אנאנסירט די איניציאטיוו אלץ טייל פון איר 2023 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע. איינמאל די יוניאן קאנטראקטן ווערן באשטעטיגט, וועלן מער פון 140,000 יוניאן ארבייטער זיך אנשליסן מיט די 10,000 ניו יארק סטעיט רעגירונג ארבייטער וועלכע קומען פון גרופעס וואס האבן ווייניג רעגירונג ארבייטער וועלכע זענען שוין געווארן בארעכטיגט דערפאר נאכדעם וואס א 'פאליסי בולעטין' איז ארויסגעגעבן געווארן דורך גאווערנער האקול אין פעברואר. די אפיס פון ארבייטער באציאונגען (Office of Employee Relations) וועט פארזעצן צו ארבעטן מיט די איבעריגע סטעיט ארבייטער יוניאנס איבערן אויסברייטערן די בענעפיט אויך צו זייערע מיטגלידער דורך פארהאנדלונגען מיט זייערע פארטרעטער.

גאווערנער האקול האט אויך אנאנסירט אז די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט (Department of Labor, DOL) וועט אנטוויקלען און ארויסקומען מיט א סטעיט-ברייטע פרישע-טאטעס אורלויב באקאנטשאפט קאמפיין, ווי רעקאמענדירט דורך די [2023 'דזשענדער געהאלט צווישנשייד' באריכט (Gender Wage Gap Report)]. די קאמפיין וועט ציהלן דאס צו מאכן א נארמאלע זאך פאר פרישע טאטעס צו נעמען אורלויב דורכן באקאנט מאכן די בענעפיטן פאר נייע און צוקונפטיגע טאטעס און דורכן ארויסברענגען וויאזוי א פרישע-טאטעס אורלויב קען האבן א פאזיטיווע השפעה אויף פאמיליעס און אויף די קאריערע און געהאלט פון פרויען וואס ארבעטן.

זעהט א ביישפיל פון א DOL פרישע-טאטעס אורלויב באקאנטשאפט קאמפיין ווידעאו [דא].

ניו יארק סטעיט שטייען שוין לאנג אין שפיץ פונעם קאמף ווען עס קומט צו אורלויב בענעפיטן פאר פרישע עלטערן און פאמיליע, דורכפירנדיג דעם סטעיט-ברייטן 'באצאלטע פאמיליע אורלויב' (Paid Family Leave) געזעץ אין 2016. אין 2021 האט גאווערנער האקול אונטערגעשריבן א ביל צו פארברייטערן דעם געזעץ אריינצורעכענען אויך אורלויב זיך צו אפגעבן מיט ערנסט קראנקע געשוויסטער.

**ציווילע סערוויס ארבייטער פארבאנד פרעזידענט, מערי ע. סאָליוואן, האט געזאגט,** "די אפמאך אנערקענט אז סיי ווער וואס האט די געלעגנהייט צו ווערן עלטערן, צו עס איז דורכן געבוירן א קינד אדער אדאפטירן, דארפן ערלויבט ווערן צו פארברענגען צייט צו פארשטערקערן די קשר צווישן עלטערן און קינד אן זיך זארגן איבער די עקאנאמישע השפעה פון ארויסגיין אויף אורלויב אן באצאלט ווערן. באצאלטע פרישע-עלטערן אורלויב וועט זיין נאך א געוואלדיגע בענעפיט פאר אונזערע יוניאן מיטגלידער אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט, און מיר זענען דאנקבאר אז גאווערנער האקול איז מקיים איר צוזאג דאס צו מאכן

געשעהן. אין די צייט וואס א גרויסע חלק פון די פאראייניגטע שטאטן איז גאר הונטערשטעליג אין פארגלייך צו אנדערע לענדער ווען עס קומט צו באצאלטע פאמיליע און פרישע-עלטערן אורלויב פּאליסיס, האט ניו יארק זיכער אונטערגענומען א טריט אין די ריכטיגע ריכטונג."

**פובליק ארבייטער פעדעראציע פרעזידענט, וועין ספענס, האט געזאגט,** "די PEF איז דאנקבאר פאר די גאווערנער פארן צושטימען צו צולייגן באצאלטע פרישע-עלטערן אורלויב פאר שווער-ארבעטנדע ניו יארקע עלטערן צו אונזערע קאנטראקטן. די נייע בענעפיט וועט העלפן די סטעיט צוציהען און האלטן ביי זיך פראפעסיאנאלן, וויסנדיג אז זיי קענען פארברענגען צייט מיט זייער פאמיליע און זיך נישט זארגן איבערן באלאנסירן זייערע ארבעט און היים לעבנס דורכאויס די טייערע ערטשע פאר חודשים."

**פאראייניגטע אוניווערסיטעט פראפעסיאס פרעזידענט, פרעדעריק ע. קאָוואל, PhD, האט געזאגט,** "באצאלטע פרישע-עלטערן אורלויב וועט זיין א ריזיגע שטיצע פאר ארבעטנדע פאמיליעס, זיי ערלויבנדיג זיך צו אפגעבן מיט- און בויען א קשר מיט זייערע נייע קינדער אן זיך דארפן זארגן איבערן פארלירן זייער געהאלט צו קענען בלייבן אינדערהיים און זיין א חלק פון די וואונדערבארע ערפארונג. באצאלטע פרישע-עלטערן אורלויב וועט העלפן צוציהען די בעסטע און קלוגסטע צו SUNY, און עס וועט זיין א מאכטפולע כלי צו האלטן אונזערע טאלאנטפולע און געטרייע מיטגלידער אין אונזערע קלאס צימערן, אויף אונזערע קאמפוסן און אין אונזערע טרענירנדע שפיטעלער. אונזער גאווערנער פארשטייט די וויכטיגקייט פון באצאלטע פרישע-עלטערן אורלויב, און מיר באדאנקען איר פארן שטיין אין שפיץ פון די באמיאונגן צו פארהאנדלען פאר די וויכטיגע נייע בענעפיט מיט סטעיט יוניאנס."

**ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפּארטמענט קאמישאנער, ראבערטא ריערדאן, האט געזאגט,** "דורכן אוועקנעמען פינאנציעלע שטרויכלונגען און זיכער מאכן אז עס איז דא צייט צו אויפבויען א קשר מיט זייערע ניי-געבוירענע קינדער, טוט ניו יארק'ס באצאלטע פרישע-עלטערן אורלויב פראגראם באפולמעכטיגן עלטערן זיך צו ארויסלאזן מיט א רואיגע געוויסן אויף די טראנספארמאטיווע רייזע אן דארפן מוותר זיין אויף זייער עקאנאמישע סטאביליטעט. די אמביציעזע טריט ווידערהאלט גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו שטיצן ארבעטנדע עלטערן און אנערקענען די אומשאצבארע ראלע וואס זיי שפילן אינעם אויספארעמען אונזער צוקונפט. מיר שטייען פאראייניגט אין אונזער מיסיע צו אויפבויען א געזעלשאפט וואו פאמיליעס קענען בליהען, און די בענעפיט איז א ריזיגע שפרינג אין ריכטונג פון די חזון."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון ארבייטער באציאונגען דירעקטאר, מייקען וואלפּאָרט, האט געזאגט,** "באצאלטע פרישע-עלטערן אורלויב וועט האבן א באדייטנדע השפעה אויף ארבעטנדע פאמיליעס דורכן העלפן עלטערן זיך אפגעבן מיט זייערע קינדער אן דארפן מורא האבן צו פארלירן זייער געהאלט. אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, דערפריידט דאס מיר אז מיר האבן געקענט פארברייטערן די באדייטנדע בענעפיט צו נאך סטעיט רעגירונג ארבייטער, און איך קוק ארויס צו פארזעצן די ארבעט מיט אונזערע יוניאן שותפים צו אויסברייטערן באצאלטע פרישע-עלטערן אורלויב צו די ניו יארק סטעיט ארבעטסקראפט."

**ניו יארק סטעיט ציווילע סערוויס קאמישאנער, טימאטי ר. האָוגס, האט געזאגט,** "אויסברייטערן באצאלטע פרישע-עלטערן אורלויב צו מער פון ניו יארק סטעיט'ס רעגירונג ארבייטער וועט ברענגען גאר-נויטיגע שטיצע פאר אונזערע געטרייע רעגירונג ארבייטער אזוי ווי זיי ברענגען פרנסה פאר זייערע קינדער. דאס צייכנט אפ די לעצטע טריט וואס גאווערנער האקול נעמט אונטער צו העלפן פארשטערקערן און שטיצן די רעגירונג ארבעטסקראפט."

**סטעיט סענאטאר ניעל ברעסלין האט געזאגט,** "ארבעטנדע ניו יארקער דארפן פילן פארזיכערט וויסנדיג אז זיי קענען זיך אפגעבן מיט א נייע פאמיליע מיטגליד אן דארפן שטעלן זייערע פינאנציעלע

מיטלען אין געפאר, און די מהפכיות'דיגע איבערבייטערונג פון באצאלטע פרישע-עלטערן אורלויב פארברייטערט די רואיגקייט צו איבער 150,000 סטעיט רעגירונג ארבייטער וועלכע באדינען אונזערע קאמיוניטיס יעדן איינציגן טאג. איך אפלאדיר גאווערנער האקול און אונזערע רעגירונג ארבייטער יוניאנס – די CSEA, PEF און UUP – פארן לייגן אין צענטער די באדערפענישן פון עלטערן און קינדער אין די פארהאנדלונגען פאר די אפמאך."

**שערי לייוואנט, פון די גרונדעריננס און פרעזידענטס פון A Better Balance ('א בעסערע באלאנס'), האט געזאגט,** "A Better Balance איז שטאלץ צו אנפירן די קאמף פאר באצאלטע אורלויב פאר ארבייטער אריבער די גאנצע לאנד, און מיר אפלאדירן די גאווערנער'ס פארברייטערונג פון באצאלטע אורלויב פאר סטעיט רעגירונג ארבייטער. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן צוזאמען צו זיכער מאכן אז ניו יארק זעצט פאר צו זיין א פירער ביים זיכער מאכן אז אלע ארבייטער האבן גענוג באצאלטע אורלויב צו באשיצן זייער אייגענע געזונטהייט און די געזונטהייט פון זייערע פאמיליעס."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן